# די מוזלען (מיזעלס)
## איז נישט נאר א קליינעם אויסשלאג



### די מוזלען קענען זיין מסוכן, ספעציעל פאר בעיביס און קליינע קינדער

### מוזלען סימפטאמען בדרך כלל זענען כולל:



**הויכע היץ**
(קען שפרינגען צו מער ווי 104 גראד F)



**הוסטן**



**רינענדיגע נאז**



**רויטע און/אדער וואסערדיגע אויגן**



**אויסשלאג**
(ברעכט אויס 3-5 טעג נאכדעם וואס די סימפטאמען הייבן זיך אן)

### מוזלען קענען זיין ערענסט.

די מוזלען קענען גורם זיין שווערע געזונט קאמפליקאציעס, ווי אויך לונגען אנצינדונג, געשווילעכץ אויפן מוח (ענסיפילייטעס) און טויט.



**1 פון 5** מענטשן וואס באקומען די מוזלען ווען גיין אין שפיטאל.



**1 פון יעדע 20** קינדער מיט די מוזלען ווען באקומען א לונגען אנצינדונג, דער אפסטער גורם פון טויט פון מוזלען אין יונגע קינדער.



**1 ביז 3 פון 1000** מענטשן מיט די מוזלען ווען שטארבן.



**1 פון יעדע 1000** מענטשן מיט די מוזלען ווען אנטוויקלען א געשווילעכץ אין מוח וואס קען צוברענגען צו שאדן פארן מוח.



### איר האט דעם כוח צו שיצן אייער קינד.

**שטעלט צו פאר אייערע קינדער א פארזיכערטן און לאנג-געדויעריגע שוץ קעגן מוזלען דורך זיכער מאכן אז זיי באקומען די מוזלען, מומס און רובעלא (MMR) וואקסין. רעדט מיט אייער העלטקעיר פראוויידער.**

### לאנג-טערמיניגע קאמפליקאציעס

זייער א זעלטענע, אבער א טויטליכע מחלה וואס רופט זיך סובאקוטיש סקלעראז פאנענסעפאליטיס קען זיך אנטוויקלען פון 7 ביז 10 יאר נאכדעם וואס א מענטש האט זיך אויסגעהיילט פון די מוזלען.